


נערך ע"י המחנך
ר' א. אהרן פילטשיק

# שַׁבָּת הַגָּדוֹל



שַׁבָּת פַאר פֶּסַח הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל", דָאס מֵיינְט דֶער "גְרוֹיסֶער שַׁבָּת", וַוייל אִין דֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסֶען דִי אִידֶען, אִין מִצְרַיִם, נֶעמֶען אַ שֶׁעפְּסַאלֶע, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶועהְן דִי גֶעטְשְׁקֶע פוּן דִי מִצְרִיִים, אוּן עֶס צוּבִּינְדֶען צוּ דִי בֶּעט, אוּן וֶוען דִי מִצְרִים הָאבִּין דָאס גֶעזֶעהְן הָאבִּין זֵיי גֶעפְרֶעגְט דִי אִידֶען פַארְוָואס זֵיי טוּעֶן עֶס, הָאבִּין דִי אִידֶען גֶעזָאגְט אַז אִין נָאךְ פִיהְר טֶעג גֵייט מֶען עֶס שֶׁחְטִין, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארִין זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן זֵיי הָאבִּין גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהְן דִי אִידֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז דִי מִצְרִים הָאבִּין גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן, אוּן צוּלִיבּ דִי "גְרוֹיסֶע נֵס" הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל".